זייער איין גרויסן מענטש וואָס די גרויס איז גיווען ניט מענטשלעך. און האָט גיטראָגן א גרויסן בּוים, וואָס אין יישוב גיפינט זיך ניט אזוי איין גרויסער בּוים, און דער מענטש האָט אים גיפרעגט, ווער בּיסטו. האָט ער אים גיענפערט, איך בּין איין מענטש. האָט זיך דער גרויסער מענטש פארוווּנדערט, און האָט גיזאָגט, איך בּין שוין אזוי איין לאנגע צײַט אין דער מדבּר, האָבּ איך קיין מאָל דאָ ניט גיזען קיין מענטש. האָט ער אים דערציילט די גאנצע מעשה כנ״ל. און אז ער זוכט א גילדענעם בּארג און א פּערלינעם שלאָס. האָט ער אים גיענפערט, עס איז בּוודאי ניט פארהאנדין און האָט אים מדחה גיווען און האָט אים גיזאָגט, מען האָט אים אײַנגערעט איין נארישקייט, וואָרין עס גיפינט זיך בּוודאי ניט. האָט ער זייער אָנגיהויבּן צו וויינען (*היינו דער שני למלכות האָט זייער גיוויינט און האָט גיזאָגט*) עס גיפינט זיך בּוודאי יאָ, עס מוז זיך ערגעץ גיפינען. און ער האָט אים מדחה גיווען (*היינו דער ווילדער מענטש האָט אים מדחה גיווען און האָט אים גיזאָגט*) מען האָט דיר איין נארישקייט אײַנגערעט. און ער (*דער שני למלכות*) האָט גיזאָגט, עס איז בּוודאי פארהאנדין ערגעץ. האָט דער ווילדער מענטש גיזאָגט, נאָך מײַן דעה נאָך איז דאָס איין נארישקייט, נאָר ווײַל דו שפּארסט זיך, בּכן איך בּין איין ממוּנה איבּער אלע חיות, וועל איך דיר צו ליבּ טאָן, און וועל צונויפרופן אלע חיות. זיי לויפן אויס גאָר די וועלט, טאָמער וועט וויסן איינע פון זיי פון דעם בּארג מיט דעם שלאס הנ״ל. האָט ער צונויפגירופן אלע חיות פון קליין בּיז גרויס און האָט זיי געפרעגט. האָבּן זיי אלע גיענפערט, זיי האָהן ניט גיזען. האָט ער אים גיזאָגט, זעסטו מען האָט דיר איין נארישקייט אײַנגירעט. אז דו ווילסט מיך פאָלגן, קער זיך אום, וואָרין דו וועסט בּוודאי ניט גיפינען. דער שני למלכות האָט זיך זייער גישפּארט. האָט דער ווילדער מענטש אים גיזאָגט, איך האָבּ איין בּרודער אין דער מדבּר, און ער איז א ממוּנה איבּער אלע עופות טאָמער ווייסן זיי, מחמת זיי פליען הויך אין דעם אויר. טאָמער האָבּן זיי גיזען דעם בּארג מיט דעם שלאָס. זאָלסט גיין צו אים און אים זאָגן אז איך האָבּ דיך גישיקט. איז ער גיגאנגען כּמה וכּמה שנים אים זוכן. האָט ער ווידער גיפונען זייער איין גרויסן מענטש כנ״ל. און האָט אויך גיטראָגן איין גרויסן בּוים און האָט אויך אזוי גיפרעגט ווי דער ערשטער. האָט ער אים גיענפערט די גאנצע מעשה, און אז דער בּרודער האָט אים גישיקט צו אים. און ער האָט אים אויך מדחה גיווען, בּאשר עס גיפינט זיך ניט, און דער שני למלכות האָט אים אויך זייער מפציר גיווען, עס איז בּוודאי יאָ. האָט ער אים גיזאָגט, איך בּין איין ממוּנה איבּער אלע עופות, וועל איך זיי רופן טאָמער ווייסן זיי. האָט ער צונויפגירופן אלע עופות און האָט זיי גיפרעגט פון קליין בּיז גרויס. האָבּן זיי אים גיענפערט, זיי ווייסן ניט פון דעם בּארג מיט דעם שלאָס. האָט ער אים גיזאָגט, זעסטו עס איז בּוודאי ניט דאָ אויף דער וועלט. אז דו ווילסט מיך פאָלגן קער דיך אום וואָרין עס איז ניט דאָ. און ער (*דער שני למלכות*) האָט זיך זייער גישפּארט און האָט גיזאָגט עס איז בּוודאי יאָ דאָ אויף דער וועלט. האָט ער אים גיזאָגט, ווײַטער אין דער מדבּר גיפינט זיך דאָרט מײַן בּרודער, ער איז איין ממוּנה איבּער אלע ווינטן און זיי לויפן אויס גאָר די וועלט. טאָמער ווייסן זיי. איז ער גיגאנגען כּמה וכּמה שנים זוכן. האָט ער ווידער גיפונען איין גרויסן מענטש כנ״ל. און האָט אויך גיטראָגן איין גרויסן בּוים און האָט אים אויך גיפרעגט כנ״ל. האָט ער אים אויך גיענפערט די גאנצע מעשה. האָט אים דער מענטש אויך מדחה גיווען און דער שני למלכות האָט אים זייער גיבּעטן. האָט ער אים גיזאָגט ער וועט אים צו ליבּ טאָן און וועט פון זײַנעטוועגן צונויפרופן אלע ווינטן און וועט זיי פרעגן. האָט ער זיי גירופן, זענען גיקומען אלע ווינטן. האָט ער אלע גיפרעגט, האָבּן זיי קיינער ניט געוווּסט פון דעם בּארג מיט דעם שלאָס. האָט ער אים גיזאָגט (*דער מענטש צום שני למלכות*) זעסטו אז מען האָט דיר איין נארישקייט דערציילט. האָט אָנגיהויבּן דער שני למלכות זייער צו וויינען און האָט גיזאָגט, איך ווייס עס איז בּוודאי יאָ דאָ. דערווײַל האָט ער גיזען אז עס איז אָנגיקומען נאָך איין ווינט. האָט זיך דער ממוּנה אויף אים גיבּייזערט. וואָס האָסטו זיך אזוי פארשפּעטיקט צו קומען, איך האָבּ דאָך גוזר גיווען אז עס זאָלן קומען אלע ווינטן. פאר וואָס בּיסטו ניט גיקומען מיט זיי. האָט ער אים גיענפערט, איך האָבּ מיך פארזאמט מחמת איך האָבּ בּאדארפט אָפּטראָגן א בּת מלך צו איין גילדענעם בּארג מיט איין פּערלינעם שלאָס. האָט ער זיך זייער דערפרייט (*היינו דער שני למלכות האָט זיך זייער דערפרייט וואָס ער האָט שוין זוכה גיווען צו הערן דאָס וואָס ער וויל*) האָט גיפרעגט דער ממוּנה איבּער ווינטן דעם ווינט, וואָס איז דאָרטן טײַער. האָט ער אים גיזאָגט, דאָרטן איז אלדינג טײַער. האָט זיך אָנגירופן דער ממוּנה איבּער ווינטן און האָט גיזאָגט צום שני למלכות, בּאשער אזוי איין לאנגע צײַט וואָס דו זוכסט זי און וויפיל יגיעות דו האָסט גיהאט בּכן טאָמער וועסטו הײַנט האָבּן א מניעה מחמת געלט. על כּן וועל איך דיר געבּן א כּלי אז ווען דו וועסט ארײַנטאָן די האנט וועסטו פון דאָרט ארויסנעמען געלט. און האָט געהייסן דעם ווינט אז ער זאָל אים טראָגן אהין. איז געקומען דער שטאָרמווינט און האָט אים אהינגיטראָגן און האָט אים גיבּראכט צום טויער. זענען דאָרט גישטאנען חיילות און האָבּן אים ניט גילאָזט אין שטאָט ארײַן. האָט ער ארײַנגיטאָן די האנט אין דער כּלי און האָט ארויסגינומען געלט און האָט זיי משחר גיווען און איז ארײַן גיגאנגען אין שטאָט ארײַן. עס איז גיווען איין שיינע שטאָט און ער איז גיגאנגען צו איין גביר און האָט זיך אָנגידונגען קעסט, וואָרין מען בּאדארף זיך דאָרטן פארזאמען, וואָרין מען מוז זען מיט חכמה און שכל מען זאָל זי ארויסנעמען. און ווי אזוי ער האָט זי ארויסגינומען האָט ער נישט דערציילט. צום סוף האָט ער זי ארויסגינומען, אמן סלה.

■

ווינקעלע. האָט זי אים דערקענט. איז זי אויפגישטאנען פון דער שטול און איז צו אים גיגאנגען און האָט אים אָנגערירט און האָט אים גיפרעגט, קאָנסטו מיך. האָט ער איר גיענפערט, יאָ, איך קען דיך, דו ביסט די בת מלך וואָס איז פארפאלין גיוואָרן. האָט ער זי גיפרעגט, ווי קומסטו אהער. האָט זי אים גיענפערט, ווײַל דעם טאטין האָט זיך אים ארויסגיחאפּט דאָס וואָרט (*היינו אז דער ניט גוטער זאָל דיך נעמען*) און דאָ איז דאָס אָרט וואָס איז ניט גוט. האָט ער איר דערציילט אז איר פאָטער איז זיך זייער מצער. און ער זוכט זי כּמה וכּמה שנים. און האָט זי גיפרעגט, ווי אזוי קען איך דיך ארויסנעמען. האָט זי אים גיענפערט, דו קאָנסט מיך ניט ארויסנעמען, סיידין אז דו זאָלסט דיר אויסקלויבּן איין אָרט און זאָלסט דאָרט זיצן איין יאָר. און א גאנץ יאָר זאָלסטו בּענקען נאָך מיר. זאָלסטו מיך ארויסנעמען און ווען דו וועסט האָבּין צײַט זאָלסטו ראק בּענקען און וועלין און האָפין מיך ארויס צו נעמען. און זאָלסט פאסטין. און אין דעם אונטערשטין טאָג פון דעם יאָר זאָלסטו פאסטין און זאָלסט ניט שלאָפן דעם גאנצין מעת לעת. איז ער גיגאנגען און האָט אזוי גיטאָן און צום סוף יאָר דעם אונטערשטן טאָג האָט ער גיפאסט. און האָט ניט געשלאָפן. און האָט זיך אויפגעהויבּן. און איז אהין גיגאנגען (*היינו צו דער בּת מלך זי ארויס צו נעמען*) האָט ער דערזען איין בּוים, אויף דעם בּוים האָבּן גיוואקסען זייער שיינע עפּל. האָט זיך אים זייער גיגלוסט און איז גיגאנגען. און האָט גיגעסן פון זיי. תּיכּף ווי ער האָט גיגעסן דעם עפּל איז ער אנידער גיפאלן און עס האָט אים אָנגיחאפּט איין שלאָף. און האָט גישלאָפן זייער איין לאנגע צײַט. האַט דער משרת אים גיוועקט. און ער האָט אים ניט גיקאָנט דערוועקן. דערנאָך האָט ער זיך אויפגיחאפּט פון דעם שלאָף. פרעגט ער דעם משרת, ווּ בּין איך אין דער וועלט. האָט ער אים דערציילט די גאנצע מעשה. דו שלאָפסט שוין זייער איין לאנגע צײַט. עס איז שוין כּמה שנים אז דו שלאָפסט. און איך האָבּ מיך מפרנס גיוועזן פון די פּרות. האָט ער זיך זייער מצער גיוועזן. און איז אהין גיגאנגען און האָט זי גיפונען דאָרט (*היינו די בּת מלך*) האָט זי זיך פאר אים זייער בּאקלאָגט און זייער זיך מצער גיוועזן. פון איין טאָג וועגן האָסטו אָנגיוואָרן (*כּלומר איבּער דעם וואָס דו האָסט זיך ניט גיקאָנט אײַנהאלטן איין טאָג. און האָסט גיגעסן דעם עפּל. איבּער דעם האָסטו אָנגיוואָרן*) וואָרין דו זאָלסט גיוועזן קומען אין דעם טאָג, וואָלסטו מיך ארויסגינומען. לושמיר ניט צו עסין איז זייער איין שווערע זאך. בּפרט דעם אונטערשטן טאָג.

דעמלט איז זיך דער יצר הרע זייער מתגבּר. על כּן זאָלסטו דיר ווידער אויסקלויבּן איין אָרט, און זאָלסט ווידער זיצן דאָרט איין יאָר. און אין דעם אונטערשטן טאָג זאָלסטו שוין מעגן עסן. נאָר זאָלסט ניט שלאָפן. און זאָלסט קיין ווײַן ניט טרינקען, כּדי דו זאָלסט ניט שלאָפן, וואָרין דער עיקר איז דער שלאָף. איז ער גיגאנגען און האָט אזוי גיטאָן. דעם אונטערשטן טאָג איז ער אהין גיגאנגען. האָט ער גיזען איין קוואל גיין. און די מראה פון דעם קוואל איז גיוועזן רויט. און דער ריח איז גיוועזן פון ווײַן. האָט ער גיפרעגט דעם משרת, האָסטו גיזען, דאָס איז איין קוואל (*קער צו זײַן אין אים וואסער*) און די מראה איז רויט. און דער ריח איז פון ווײַן. און איז גיגאנגען און האָט עפּעס פארזוכט פון דעם קוואל. איז ער תּיכּף אנידער גיפאלן און האָט גישלאָפן כּמה שנים זיבּציג יאָר. זענען גיגאנגען א סאך היילות מיט די אובּאזין וואָס גייען זיי נאָך. און דער משרת האָט זיך בּאהאלטן פאר די חיילות. נאָכדעם איז גיגאנגען איין קארעטע און דאָרט איז גיזעסן די בּת מלך. האָט זי זיך גישטעלט לעבּין אים. און איז אראָפּגיגאנגען. און האָט זיך גיזעצט לעבּין אים. און האָט אים דערקענט. און האָט אים זייער דערוועקט. ער האָט זיך אָבּער ניט געקענט דערוועקן. האָט זי אָנגיהויבּן צו קלאָגן אויף אים. בּאשער אזוי פיל יגיעות און טרחות, אזוי פיל יאָרן וואָס דו מוטשעסט דיך האָרעוועסט אזוי לאנג כּדי אז דו זאָלסט מיך ארויסנמען און פון איין טאָג וועגן וואָס דו האָסט גיקאָנט מיך ארויסנעמען, האָסטו גאָר אָנגאוואָרן. און זי האָט זייער גיוויינט. זי האָט גיזאָגט, עס איז איין גרויס רחמנות אויף דיר און אויף מיר. אזוי איין לאנגע צײַט וואָס איך בּין דאָ און קאָן ניט ארויס. דערנאָך האָט זי גינומען איין פאטשיילע פון דעם קאָפּ. און האָט אויף איר אָנגישריבּן מיט אירע טרערן און האָט אנידערגילייגט לעבּין אים און איז אויפגישטאנען און האָט זיך ארײַנגיזעצט אין דער קארעטע. און איז אוועק גיפארן. דערנאָך האָט ער זיך אויפגיחאפּט און האָט גיפרעגט דעם משרת, ווּ בּין איך אין דער וועלט. האָט ער אים דערציילט די גאנצע מעשה. און אזוי א סאך חיילות זענען דורך גיגאנגען. און אז עס איז דאָ גיוועזן די קארעטע. און אז זי האָט גיוויינט איבּער אים. און זי האָט גישריגן עס איז איין גרויס רחמנות אויף דיר און אויף מיר. דערווײַל האָט ער איין בּליק גיטאָן, האָט ער דערזען די פאטשיילע ליגן לעבּין אים. האָט ער געפרעגט פון וואנען איז דאָס. האָט ער אים גיענפערט. זי האָט עס איבּערגעלאָזט און האָט אויף איר אָנגישריבּן מיט אירע טרערן. האָט ער גענומען די פאטשיילע און האָט זי אויפגיהויבּן אקעגן דער זון. האָט ער אָנגעהויבּן צו זען די אותיות. האָט ער איבּערגילייענט וואָס דאָרט איז גישטאנען, איר קלאָגן און איר גישריי כנ״ל. און (*דאָרט איז גישטאנען גישרובּן*) אז הײַנט איז זי שוין ניט אין דעם שלאָס (*וואָס אויבּן איז גישטאנען*) נאָר ער זאָל זוכן איין גאָלדינעם בּארג מיט איין פּערלינעם שלאָס. דאָרט ווערסטו מיך גיפינען. האָט ער איבּערגילאָזט דעם משרת און איז שוין אליין גיגאנגען זי זוכן. און איז גיגאנגען און האָט זי גיזוכט כּמה שנים. האָט ער זיך מיישב גיוועזן, אז אין יישוב גיפינט זיך בּוודאי ניט קיין גאָלדינער בּארג און איין פּערלינער שלאָס. וואָרין ער איז גיוועזן געניט אין לאנדקארט. על כּן וועל איך גיין אין מדבּריות דאָרטן זוכן. איז ער גיגאנגען אין מדבּריות זי זוכן כּמה וכּמה שנים. דערנאָך האָט ער דערזען

# די מעשיות פון נחמן פון בראצלאוו

**הקדמה אויף טײַטש – נתן פון נעמיראָוו**

די מעשיות וואָס דאָ שטייען אין דעם ספר, איז אין זיי דאָ זייער גרויסע סודות התורה. סע איז אין זיי באהאלטין זייער גרויסע זאכין. סע איז אין זיי ניט פארהאנדין איין וואָרט וואָס סע זאָל זײַן פשוט. און אפילו פּראָסטע מענטשן קאָנען זיך אויך ארויסנעמען גרויס מוסר פון די מעשיות. וואָרין די מעשיות האָבן א גרויסין כּח אויף צו וועקן אלע מענטשן פון דעם שלאָף אז מע זאָל ה״ו ניט פארשלאָפן זײַנע יאָרן אומזיסט, און ווער סע וויל ארײַנקוקין אין די מעשיות מיט איין אמת אויג, קאָן ער זען און פארשטיין א ביסל גאָטס גרויסקייט. אפילו פּראָסטע מענטשן קאָן זיי אויך עפּעס א בלישטש טאָן ווינקין פון מוסר, אז זיי זאָלן זיך גוט ארום קוקין, וואָס דער תּכלית איז פון דער וועלט, אז מע זאָל זיך ניט לאָזין אָפּנארין אויף דער וועלט. און מע זאָל טאָג און נאכט תּפלה טאָן. אז מע זאָל ניצול ווערין פון די נאַרישקייט פון דער וועלט. און מע זאָל זוכה זײַן צו זײַן אזוי ווי השי״ וויל. און ווײַטער וואָס אין די מעשיות איז פארהאנדין בהאלטענע זאכין. דאָס קאָן מען ניט דערשרײַבן און ניט דערציילן. אז ווייל איז דעם וואָס ער וועט אין זיי עפּעס ויסן. און ווײַל מיר האָבן אמאָל געהערט פון זײַן מויל ער האָט גיזאָגט, אז ער האָט חשק, אז מע זאָל די מעשיות דרוקין, פון אויבּין זאָל זײַן אויף לשון הקודש, און פון אונטין אויף טײַטש. דרום האָבּין מיר זײַן הייליגין רצון מקײַם גיוועזן, און מיר האָבּין זיי אזוי גידרוקט. וואָרין פּראָסטע מענטשן בדארפין אויך ויסין פון די מעשיות. כאָטשע זיי וועלין גאָר קארג פארשטיין וואָס מע מיינט, און ווהין די מעשיות דערלאנגען. איז פאָרט פאר זיי א גרויסע טובה צום תּכלית אז זיי וועלין אין זיי ארײַנקוקין מיט איין אמת אויג. וואָרין זיי האָבּין א גרויסין כּח צו דערוועקין צום אייבערשטין כּנ״ל. וואָרין די מעשיות זענען ניט קיין לערע זאכין ח״ו. און דער רבּי עליו השלום, פלעגט אלע מאָל נאָך דאָס רוב מעשיות צוזאָגין עטליכע פּסוקים און עטליכע זאכין. כּדי מע זאָל ויסין אז ער רעט ניט קיין דברים בּטלים חס ושלום. (דרום) האָט ער א ביסיל געוויזין ווינקען ווהין זיי דערלאנגען, וואָרין די אלע מעשיות זענען דורך סודות התּורה.

## מעשה א

אין וועג האָבּ איך דערציילט א מעשה. וואָס ווער עס האָט זי געהערט האָט גיהאט א הרהור תּשובה:

און דאָס איז די מעשה

איינמאָל איז גיוועזן א מלך. דער מלך האָט גיהאט זעקס זין און איין טאָכטער. די טאָכטער איז בײַ אים זייער חשוב גיוועזן און ער האָט זי זייער מחבב גוועזן (*כלומר גליבט*) און האָט זיך מיט איר זייער משעשע גיוועזן. אמאָל איז ער גיוועזן מיט איר אין איינעם אין עפּעס א טאָג. און איז אויף איר ברוגז גיוואָרן. האָט זיך אים ארויסגיחאפּט א וואָרט, דער ניט גוטער זאָל דיך אוועקנעמען. בײַ נאכט איז זי גיגאנגען אין איר חדר ארײַן. אין דער פרי האָט מען ניט גיוווסט ווו זי איז. האָט זיך דער פאָטער(*דהיינו דער מלך*) זייער מצער גיוועזן און איז גיגאנגען זי זוכן אהין און אהער. איז אויפגשטאנען דער שני למלכות, מחמת ער האָט גיזען, דער מלך האָט גרויס צער. און האָט גיבעטין אז מע זאָל אים געבּן איין משרת מיט איין פערד. און געלט אויף הוצאות. און איז גיגאנגען זי זוכין. האָט ער זי זייער גיזוכט, זייער א לאנגע צײַט ביז ער האָט זי גיפונען. (*הײַנט דערציילט ער ווי אזוי ער האָט זי גיזוכט ביז ער האָט זי גיפונען*). איז ער גיגאנגען א לאנגע צײַט. און אין מדבריות און אין פעלדער און אין וועלדער און האָט זי גיזוכט זייער איין לאנגע צײַט. איז ער גיגאנגען אין מדבר און האָט גיזען א וועג פון דער זײַט. האָט ער זיך מיישב גיוועזן. באשר איך גיי אזוי לאנגע צײַט אין דער מדבר און קאָן זי ניט גיפינען, לאָמיך גיין אויף דעם וועג. טאָמער וועל איך קומען צו איין ישוב. איז ער גיגאנגען א לאנגע צײַט. דערנאָך האָט ער גיזען א שלאָס און א סאך חיילות שטייען ארום. און דער שלאָס איז גוועזן זייער שיין און די חיילות זענען ארום גישטאנען כּסדר זייער פײַן. האָט ער מורא גיהאט פאר די חיילות. טאָמער וועלין זיי אים ניט לאָזין ארײַנגיין. האָט ער זיך מיישב גיוועזן: איך וועל מיך פּרוווען. און האָט איבערגילאָזט דאָס פערד און איז גיגאנגען צום שלאָס. האָט מען אים גילאָזט. און מען האָט אים גאָר ניט מעכּב גיוועזן און ער איז גיגאנגען פון איין חדר צום אנדרין און מען האָט אים ניט גיווערט. איז ער גיקומען צו איין פּאלאץ. האָט ער גיזען: דער מלך זיצט דאָרט אין איין קרוין. און א סאך חיילות שטייען ארום אים. און איין סאך שפּילין אויף כּלים פאר אים און עס איז דאָרט זייער שיין און פײַן גיוועזן. און דער מלך און קיינער פון זיי האָט אים גאָר ניט גיפרעגט. און ער האָט דאָרט גיזען גוטע מאכלים.

איז ער גיגאנגען און האָט גיגעסן. און איז גיגאנגען און האָט זיך גילייגט אין איין ווינקעלע ער זאָל זען וואָס דאָרטן וועט זיך טון. האָט ער גיזען, דער מלך האָט גיהייסן מען זאָל ברענגען די *מלכּה*. איז מען גיגאנגען זי ברענגען. איז דאָרטן גיוועזן איין גרויסער רעש און איין גרויסע שמחה און די קאפּעליעס האָבן זייער גישפּילט און גיזונגען. ווײַל מען האָט גיבראכט די *מלכּה*. און מען האָט איר גישטעלט איין שטול. און מען האָט זי גיזעצט לעבּין אים. און דאָס איז גיוועזן די בת מלך. און ער האָט זי גיזען און האָט זי דערקענט. נאָכדעם האָט די *מלכּה* איין קוק גיטאָן און האָט גיזען, איינער ליגט אין איין